STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03918

TSIENIZM IN A BROYN HEMDL

P. Novik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. נאָוויק

ציוניזם אין א ברוין העמדל

דער אכצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּראָג

פארלאג פון דער
אידישער ביוראָ באם צענטראל-קאָמיטעט פון דער
קאָמוניסטישער פארטיי

ניו-יאָרק, 1933

פרייז 3 סענט

ארויסגעגעבן פון דער

אידישער ביוראָ

באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן

●

ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1933

●

פרייז 3 סענט

●

טיראַזש 10,000 עקזעמפּלאַרן

●

הויפּט־פאַרקויף:
FREIHEIT BOOK STORE
35 East 12th Street
New York, N. Y.

490
אַסטאָריאַ פּרעס
61 א. 4טע גאַס, ניו־יאָרק

1. פּערצן יאָמקיפּערס

עס איז געווען אַ קאָנגרעס פון פּערצן „יום-כּפּורים-טעג" — האָט נחום סאָקאָלאָוו אַף זיין שטייגער אָפּגעשאַצט די פּערצן טעג פון דעם אַכצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּראַג, אָנשטאָט די געפּלאַנעוועטע צען *). דער פּאָרזיצער פון קאָנגרעס, מאָצקין, האָט צום סאַמע סוף דערקלערט פון דער טריבונע, אַז דאָס איז געווען דער שווערסטער פון אַלע זיבעצן קאָנגרעסן, וואָס ער האָט ביי-געוואוינט. די ביידע פירער פונם ציוניזם האָבן זיך איידל אויסגעדריקט. צו „שווערע" קאָנגרעסן, אַפילו „שווערסטע", זיינען זיי שוין געוואוינט געוואָרן פון לאַנג. עס איז דאָס מאָל געווען עפּעס מער ווי שווער.

די אינערלעכע קאָנפליקטן אין דעם ציוניזם, וועלכע רעפלעקטירן די קאָנפליקטן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און די קאָנפליקטן צווישן די פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, מיט וועמען דער ציוניזם איז פאַרבונדן, האָבן זיך שוין לאַנג געלאָזט פילן אַף ציוניסטישע קאָנגרעסן. חיים ווייצמאַן און נחום סאָקאָלאָוו האָבן שוין פון יאָרן אויפגעהערט צו פיגורירן ווי „עזרא און נחמיה". נאָך דעם ערשטן האָניק-פּעריאָד פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע און פון דער הערשאַפט פון דעם „אידישן מושל", הערבערט סעמועל (ענגלישער הויך-קאָמישאָנער פון פּאַלעסטינע), האָבן זיך אַלץ קלאָרער אָנגעהויבן זעען די קאָנפליקטן אין פּאַלעסטינע גופא און די ראָל וואָס דער ענגלישער אימפּעריאַליזם און דער ציוניזם שפּילן דאָרטן. שוין אַף דעם 15טן קאָנגרעס, אין באַזל, אין 1927, האָט מען אָפן דערזען פאַר וואָס פאַר אַ קראַך עס שטייט די ציוניסטישע באַוועגונג. אָבער דאָס זיינען געווען יאָרן פון דער „פּראָספּעריטי", פון דער רעלאַטיווער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם, יאָרן פון גרויסע גערעטענישן פאַר דער ציוניסטישער פּושקע, באַזונדערס אין אַמעריקע, וואו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פלעגט זאַמלען פיל מיליאָנען דאָלאַרן אַ יאָר. דאָס זיינען געווען יאָרן פון דעם גרויסן ציוניסטישן טאַראַראַם. דער ברייטער שטראָם פון גאָלד, וואָס האָט ניט אויפגעהערט פליסן אין די ציוניסטישע קאָנטאָרן אין די פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און אויך אין פּאַלעסטינע, האָט געהאָלפן אָנפילן די בלויזן, פאַרשטעלן און פאַרפּויקן דעם באַנקראָט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער זעכצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ציריך, זומער 1929, איז שוין פאָרגעקומען אין אַ קריזיס-צייט אין די אַגראַר-לענדער און ערב דעם גרויסן קראַך אַף וואָל סטריט. אַף דעם קאָנגרעס האָט זיך

*) קליגאַוו אין „מאָרגן-זשורנאַל" פון 18טן סעפּטעמבער.

שוין געשפּירט דאָס אָנקומען פֿון דעם אויפֿשטאַנד אין פּאַלעסטינע. דער ציוניזם האָט אין ציריך אויפֿגעגעבן זיין הערצל־פּראָגראַם און געשלאָסן שותפֿות מיט די יאַהודים, געשאַפֿן די „אידישע אַגענטור“.

דאָס איז געווען אַ „שווערער קאָנגרעס“. אוסישקין האָט געקלאָגט אַף דעם, וואָס מען „לייזט“ ניט אויס ארץ־ישראל. וויצמאַן האָט פּאַלעסטינע אָנגערופֿן: „דער ספֿינקס“, וואָס פֿאָדערט ריזיקע סומען געלט, און רוקט ארויס ריזיקע שוועריקייטן, און האָט דערפֿאַר אַפּעלירט צום קאָנגרעס מען זאָל נעמען צוהילף לואי מאַרשאַל, פֿעליקס וואַרבורג, אָסקאַר וואַסערמאַן, לאָרד מעלטשעט און די אַנדערע „ניט־ציוניסטן“.

דער זיבעצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אין באַזל, אין 1931, איז שוין פֿאָרגעקומען אין צווייטן יאָר פֿון דעם אַלוועלטלעכן קריזיס פֿון קאַפּיטאַליזם. די פֿאַרלאָרנקייט און צעמישעניש אַף דעם קאָנגרעס האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה. די געשעענישן אין פּאַלעסטינע, די באַריכטן פֿון דער שאָ־קאָמיסיע און פֿון דזשאַן האָופּ סימפּסאָן, און דער ווייסער פּאַפּיר פֿון לאָרד פּאַספֿילד, האָבן אַ קלאַפּ געטאָן איבער די פֿונדאַמענטן פֿון דעם ציוניזם. דער „מאָדערנער עזרא“, וויצמאַן, איז געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן. אַ ציוניסטישער זשורנאַליסט האָט דעמאָלט טרעפֿלעך כאַראַקטעריזירט דעם זיבעצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווי — „דער אָרגאַניזירטער עגמת נפש“.

אָבער אין פֿאַרגלייך מיט דעם איצטיקן, אַכצנטן, ציוניסטישן קאָנגרעס קאָנען יענע צוויי „שווערע“ קאָנגרעסן אַריינגערעכנט ווערן אין דעם פּעריאָד פֿון די „גאָלדענע“ הערצל־קאָנגרעסן. אַזאַ פֿולשטענדיקער פֿאַנאַנדערלייגונג פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס דער קאָנגרעס אין פּראַג האָט פֿאָרגעשטעלט, אַזאַ פֿאַרלוירנקייט און צעפֿאַלנקייט פֿון אַ גאַנצער באַוועגונג, — איז ווייט צו זוכן אין די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען פֿון דער בורזשואַזיע.

דער קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען אָפֿן שוועל פֿון פֿינפֿטן יאָר פֿון דעם קריזיס און באַ דעם אויפֿשטייג פֿון דעם היטלער־פֿאַשיזם אין דייטשלאַנד. דער קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען אונטערן צייכן פֿון נייע שוועריקייטן פֿאַרן ציוניזם אין פּאַלעסטינע, ווי דאָס האָט אילוסטרירט דער פֿרענטש באַריכט, וואָס איז אין יולי (1933) ארויסגעגעבן געוואָרן, און אונטערן צייכן פֿון מאָרד, — דער מאָרד פֿון דעם ציוניסטישן פֿירער אַרלאָזאָראָוו, — וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דעם אויפֿשטייג פֿון דעם ברוינהעמדלדיקן פֿאַשיזם אין די רייען פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ניט אומזיסט האָט מען זיך פֿאַר דעם קאָנגרעס געשראָקן. מ'האָט פֿאַרלאַנגט ער זאָל ניט פֿאָרקומען — און מען באַדויערט איצט פֿאַר וואָס ער איז יע פֿאָרגעקומען. „זיינע עינויים און רעזולטאַטן“ — טעלעגראַפֿירט אַ דעלעגאַט־זשורנאַליסט*) — „באַרעכטיקן די מיי־

*) י. פֿישמאַן אין „מאָרגן־זשורנאַל“ פֿון 25טן סעפּטעמבער.

נונגען, וואָס זיינען אויסגעשפּראָכן געוואָרן מיט מאַנאַטן צוריק, אַז ער האָט ניט געדאַרפט פאָרקומען צוליב די טראַגישע צושטענדע (צושטאַנדן) אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע".

זשורנאַליסטן, וואָס האָבן זיך מודה געווען, אַז „איין גאָט ווייס דעם אמת", אַז זיי זיינען געפאָרן צום קאָנגרעס „מיט אַ ברייט אָפּן האַרץ זוכן טרייסט און האָפנונג, זיך אָנוואַרעמען באַם פייער פון אידישן שאַפן, פון אידישן גלויבן" (לעשטשינסקי אין „פאָרווערטס" פון 2טן סעפּטעמבער), האָבן שפּעטער (9טן סעפּטעמבער) פאַרגאָסן טרערן, וואָס דאָס איז „אַ קאָנגרעס אָן יום־טובדיקע שטימונגען, אָן דערהויבענע מאָמענטן", נאָר פאַרקערט, מיט „שטימונגען, וועלכע דריקן אַף די הערצער פון אַלע, וועלכע מאַכן טרויעריק די נשמות פון אַלע".

אַזאַ געטרייער רעאַקציאָנערער ציוניסט ווי ש. ראָזענפעלד, האָט געקלאָגט וועגן די „עלף טעג און עלף נעכט", ווען דער קאָנגרעס האָט זיך געפונען „ווי אין אַ שווערן קאָשמאַר", וואַרטנדיק אַף די רעזולטאַטן פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט געפאָרשט די מאַטעריאַלן וועגן דעם טעראָר פון די רעוויזיאָניסטן אין פאַלעסטינע *). און ער האָט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון די „עלף טעג און עלף נעכט" מיט די ווערטער: „קיין גרעסער בייז זאָל ניט געשען!" און אין ציוניסטישן „היינט" אין וואַרשע קלאָגט זיך דער שוואַרץ־מאהניק קאַרלעבאַך:

„געשלעגן אַרום שעכטמאַנען, אַרום זשאַבאָטינסקין, צענדליקע קליינע געשלעגן און איין גרויסע רייסעריי, קייטן פון אָרדנער, פון וועכטער, רעוויזיאָניסטן שטורעמען קעגן די לעבעדיקע קייטן, טישלעך פאַלן, היט פליען, מען וואַרפט מיט בענקלעך, די וועכטער פון הויז רייסן זיך אַריין... און אינעוויניק פאַר אַ ליידיקן, פוסטן זאַל, שטייט אוסישקין און רעדט וועגן אידישער ערד".

מיר וועלן שפּעטער זען, אַז ניט אומזיסט איז דער עולם געלאָפן פון זאַל אין די קולואַרן. אוסישקין האָט דערציילט זייער אַ טרויעריקע געשיכטע. אָבער אָט איז קאַרלעבאַכס אויספיר:

„ס'איז געווען אַן ערשיטערנדער מאָמענט. מען וואָלט אין אים געקאָנט פאַרלירן דאָס לעצטע ביסל גלויבן אין דער רייפקייט פונם אידישן פאָלק". **)

און דער ציוניסטישער פירער דר. גאָטליב האַלט אים אונטער אין דעם זעלביקן נומער מיט אַ שפּינאָזישער טרייסט:

„מען דאַרף ניט לאַכן, מען דאַרף ניט וויינען, מען דאַרף בלויז פאַרשטיין, עס טרעט אַריין דער ציוניזם מיטן קאָנגרעס אין אַ גאַנץ נייער תקופה".

יע, אין אַ נייע תקופה. אַ שווערע תקופה פאַר דער בורזשואַזיע און אַלע אירע באַוועגונגען. אַ שווערע תקופה פאַר דער אָנגרייפנ־

---

*) „טאָג", 15טן סעפּטעמבער.

**) „היינט", 28טן אויגוסט.

דיקער שאָווייניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט אינם רייטוואָגן פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. די תקופה האָט גע־קראָגן איר אויסדרוק אויף דעם אכצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּראַג, און עס האָט זיך באַקומען — „פּערצן יום־כּפּורים־טעג".

2. אַנטי־סאָוועטישער אָנגריף

נחום סאָקאָלאָוו, אין זיין טאַלאַנטער, צעיוירענער, מה־יפיתדי־קער, דערעפענונג־רעדע, דעם 21טן אויגוסט, האָט געגעבן דעם „טאָן". ער האָט באַגריסט דעם פּאַרשטייער פון ענגלישן קאָנסולאַט מיט חניפה, און אויסגעפירט: „איך וויל אויסדריקן אייער עקסעלענץ און אייער רעגירונג דאָס געפיל פון אונזער אייביקער אַכטונג (עוועראַלאַסטינג אַפּרישיאיישאָן)". ער האָט געלויבט דאָס „ריטערלעכע פאָלק" און האָט באַדאַנקט דעם פּאַרטרעטער פון איטאַליענישן קאָנסולאַט פאַר דער „אויסעראָרדנטלעכער גוטסקייט און גרויסמוטיקייט" פון מוסאָליניס רעגירונג. ער האָט באַגריסט די „איידעלע פּאַר־אייניקטע שטאַטן", — און אַלץ מיטן זעלביקן מאַשקע־טאָן. און בעת דער עולם — זיין עולם — האָט געוואַרט עפּעס צו הערן וועגן די מעשים פון די נאַציס, פון היטלערן, הערן אַ געשריי, אַ פּראָטעסט, האָט סאָקאָלאָוו, אין זיין אומענדלעך־מאָנאָטאָנער רעדע, וואו ער האָט זיך געגריבלט אין די רייד פון הערצל און נאָרדוי, אפילו די ווערטער „היטלער" און „דייטשלאַנד" ניט דערמאָנט, און איז אָפּ־געקומען מיט אַ רוף צו דער „ציוויליזירטער וועלט":

„וואו ביסטו, ציוויליזירטע וועלט? דו, אייראָפּע, דו פעלקער־ליגע"?

דערוועגנדיק זיך איינמאָל צו אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „דייטש־לאַנד", האָט סאָקאָלאָוו אויסגערופן:

„און וואו ביסטו, הויך־געערטע דייטשלאַנד פון געטע, שילער און קייזער פרידריך, וועלכער האָט געשטעמפּלט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי „דער גרעסטער שמאַך פון יאָרהונדערט"? וואו איז דיין ברודער אבל"? *)

מיט דעם בטלנישן קניטש האָט סאָקאָלאָוו אויף זיין כאַראַקטע־ריסטישן אופן געגעבן אָנצוהערן, אַז „עמיצער" איז אַ „קין" (קאַיען). דאָס איז געווען דאָס „שאַרפסטע" אין זיין רעדע. און באַלד איז ער ווידער אַוועק אין אַ גרילצנדיקער מליצה, און — דער אַנטוויש־טער עולם — זיין עולם — האָט אָנגעהויבן פּאַרלאָזן די „פייערלעכע" זיצונג...

דערפאַר האָט סאָקאָלאָוו, אויף דער זיצונג פון 24טן אויגוסט, אַרויסגעוויזן מוט, ווען עס איז געקומען צום אָנפאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין זיין „איבערזיכט" וועגן דער לאַגע פון די אידן אין די פאַרשיידענע לענדער, האָט ער פלוצלונג באַקומען אַ שאַרפן טאָן,

---

*) די און פריערדיקע ציטאַטן פון סאָקאָלאָווס רעדע — פון דער אָפיציעלער סטענאָגראַמע, „קאָנגרעס־צייטונג", נום. 1.

ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם „רוסישן יודנטום". דאָ האָט ער געשטורעמט וועגן דער „פאַרניכטונג פון דער העברעאישער שפּראַך" און וועגן דעם „אָנגריף אַף דער אידישער רעליגיע". אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, לויט סאָקאָלאָוון, הערשט „אַ צושטאַנד פון אידישע רעכטלאָזיקייט". „מיר קאָנען ניט צולאָזן", האָט סאָקאָלאָוו געצאַרנט, „אַז דאָס רוסישע יודנטום, דאָס מוטיקע און פאַרדינסטפולע רוסישע יודנטום זאָל אָן מאָראַלישער קאָנסעקווענץ אויסגעשטריכן ווערן, נאַציאָנאַל און קולטורעל, פונם בוך פון די לעבעדיקע". *)

סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין איין שאַרפן וואָרט קעגן היטלערן און היטלעריזם, האָט געשריען, אַז „די אויסראָטונג פון דער עלסטסטער שפּראַך פון דער קולטור וועלט איז וואַנדאַליזם". פאַרשטייט זיך שוין, אַז ער האָט ניט פאַרפעלט שאַרף אָנצופאַלן אַף דער „יעווסעקציע".

ניט דאָ איז דער אָרט — און עס איז אויך ניט נויטיק — צו אויסטענהן זיך מיט סאָקאָלאָוון, מיטן פאָרשטייער פון אַ באַוועגונג, וואָס באַקעמפט אַזוי ביטער די שפּראַך פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין פּאַלעסטינע, וועגן „שפּראַך־פרייהייט". עס איז לחלוטין איבעריק אָפּצושטעלן זיך אַף דעם שענדלעכן בלבול וועגן „נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אויסראָטונג" — אין דעם לאַנד פון דעם אויפבוי — אמתן אויפבוי! — פון דעם לעבן פון די אידישע מאַסן — נאַציאָנאַל, קולטורעל און עקאָנאָמיש. סאָקאָלאָווס אַנטי־סאָוועטישער אויסברוך אַף דער זעקסטער זיצונג פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס איז געווען דורכאויס אין איינקלאַנג מיט דעם מה יפית און מיט זיינע קאָמפּלימענטן פאַר מוסאָלינין און פּילסודסקין, מיט זיין „אייבי־קער אַכטונג" ענגלאַנד, און מיט זיין פאַרשוויגן די אַבסאָלוטע אויסראָטונג פון די אידישע מאַסן אין דייטשלאַנד, באַגלייט מיט בלוטיקע מיטל־אַלטערלעכע פאַרפאָלגונגען. און זיין סטראַשען מיט „מאָראַלישע קאָנסעקוענצן" איז פולשטענדיק אין איינקלאַנג מיט דער אַנטייל פונם ציוניזם אין אַלוועלטלעכן אַנטיסאָוועטישן פראָנט.

דערפאַר האָט שוין דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט גערעדט וועגן „אַ נייער נאָרדוי־אישער יודן־נויט" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ניט געהאַט אַ וואָרט צו זאָגן וועגן דער נויט — אמתער נויט! — פון די אידישע מאַסן אין פּוילן, וועגן דעם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם פון דער פּילסודסקי־רעגירונג, וואָס רייסט אונטער דעם באָדן פאַר דער עקזיסטענץ פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועגן די פאַרפאָלגונגען אַף דער אידישער און אַנדערע מינדערהייטן אין לאַנד, פאַרפאָלגונגען אַף דער אידישער און אַנדערע „פרעמדע" שפּראַכן, און אַז. וו. סאָקאָלאָוו האָט דיפּלאָמאַטיש אַ קרעכץ געטאָן אַף דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידן אין פּוילן, ווייל דאָס האָט זיך אים געלוינט פאַר זיין אויספיר — פּאַלעסטינע איז די „רעטונג" — אָבער קיין איין

*) „קאָנגרעס־צייטונג", נומער 4, ז. 1.

וואָרט ניט וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּילסודסקי רעגירונג ! פאַר איר האָט ער געהאַט בלויז ליבגעזאַנג.

אָנהויבנדיק מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון פּוילן, האָט סאָקאָ-לאָוו אויסגערופן : „די צייטן האָבן זיך גאָט צו דאַנקען געענדערט, סיי פאַר פּוילן און סיי פאַר די פּוילישע אידן". גאָט צו דאַנקען ! ער האָט געלויבט די פּוילישע רעגירונג, וואָס האָט אים געגעבן אַ „דערקלערונג צום גונסטן פון ציוניזם, וועלכע איז אַ ווירדיקער באַשטאַנד-טייל פון דער באַלפור דעקלאַראַציע" *), — און וואָס איז אין פאַרגלייך מיט אַזאַ דערקלערונג דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן!

דאָס אַלץ איז געווען פולשטענדיק אין טאָן מיט די רייד פון אַלע ציוניסטישע פירער, שרייבער, ניט נאָר אויפן קאָנגרעס, נאָר בײַ אַלע געלעגנהייטן. סאָקאָלאָווס עקסטאַטישע אויסרופן וועגן דער אידישער רעליגיע, „וועלכע איז דאָס העכסטע בײַ אידן" איז געווען פולשטענדיק אין איינקלאַנג מיט דעם קלעריקאַלן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכער האָט באַשאַפן אין פּאַלעסטינע אַ קלעריקאַלן ישוב. מיט זיין אַטאַקע אויפן סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט סאָקאָלאָוו אויסגעפילט אַ טראַדיציע פון ציוניסטישע קאָנגרעסן און די באַשטעלונג פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער וועמען דער ציוניזם דינט. און צוזאַמען מיט סאָקאָלאָווס רעדע זיינען געקומען מעשים.

3. היטלערשע אַפּעלסינען

דריי וויכטיקע פראַגן זיינען פאַרן קאָנגרעס געשטאַנען : 1) די לאַגע אין פּאַלעסטינע און דער פרעזעס-באַריכט, 2) דער אַרלאָ-זאָראָוו-מאָרד, און 3) די לאַגע פון די אידן אין דייטשלאַנד. צו די ערשטע צוויי פראַגן האָט דער קאָנגרעס מורא געהאַט גרינטלעך זיך צוצורירן. אויפן אויסלופטערן די פראַגן וואָלט געהייסן — באַווייזן אין וואָס פאַרא טראַגישן צושטאַנד דער ציוניזם געפינט זיך אין פּאַלעסטינע, סיי לויט זיין רעכטלעכער לאַגע און סיי לויט דעם כאַ-ראַקטער פון דער עקאָנאָמיק פונם ישוב. דאָס וואָלט געהייסן אויפדעקן דעם פאַשיסטישן מאָרד-כאַראַקטער פון דעם רעוויזיאָניזם, וועלכער איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד-טייל פון דעם ציוניזם. דער קאָנגרעס האָט זיך אָבער יע „צוגערירט" צו דער היטלער-פראַגע, צו דעם ענין דייטשלאַנד. אין משך פון די סקאַנדאַלן-פולע, „ערשטערנדע" פערצן „יום-כפור טעג", איז דאָס געווען איינער פון זיינע הויך-פּונקטן, אָדער אָפּגרונט-פּונקטן. דער ציוניזם האָט דאָ אַראָפּגעני-דערט צו נייע טיפענישן פון שאַנד — טיפער אפשר, ווי בעת הערצלס באַזוך בײַ פאָן פּלעווע, אָדער ווי בעת זשאַבאָטינסקיס אָפּמאַך מיט פּעטלורען.

ווען דער אַכצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמענ-געקומען אין פּראַג, האָט שוין דער ציוניזם געהאַט געשלאָסן צוויי

---

*) דאָרט.

אָפּמאַכן מיט דער היטלער רעגירונג. איין אָפּמאַך — וועגן ראַטעווען א טייל פון די געלטער פון 650 אידן אין דייטשלאַנד, וועמענס פאַרמעגן עס באַטרעפט צו העכער פון טויזנט פונט שטערלינג. די היטלער־רעגירונג דערלויבט ניט די רייכע אידן ארויסציען זייער געלט פון די בענק, אָבער לויט דעם אָפּמאַך וועט די 650 דערלויבט ווערן ארויספירן פאַר דריי מיליאָן מאַרק דייטשע סחורות, וועלכע די ציוניסטן וועלן פאַרקויפן, און וועלן דאָס געלט, וואָס זיי וועלן רעאַליזירן פון די סחורות, באַנוצן אַף פלאַנצן פּאַרדעסים (אָראַנזש־גערטנער) פאַר די דאָזיקע רייכע אידן.

דער אַנדערער אָפּמאַך — וועגן האַנדל מיט דייטשלאַנד. די פאַרשטייער פון די ציוניסטישע אָראַנזש־קאָלאָניעס און פון די קאָאָפּעראַטיוון אין פּאַלעסטינע האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן היטלערשן „לאַנד־האַנדלס בונד". לויט דעם אָפּמאַך וועלן די ציוניסטן דאַרפן קויפן דייטשע סחורות אַף צוויי מאָל אַזויפיל פונם ווערט פון די אָפּעלסינען, וואָס דער „האַנדלס־בונד" וועט אימפּאָר־טירן. די ציוניסטן וועלן די דייטשע סחורות מוזן פאַרשפּרייטן ניט נאָר אין פּאַלעסטינע נאָר אויך אין אַנדערע לענדער.

לויט דעם דאָזיקן אָפּמאַך, א געשעפט פון צען מיליאָן מאַרק א יאָר (ארום צוויי מיליאָן דאָלאַר), וועלן סיי די אָפּעלסינען און סיי די דייטשע סחורות מוזן געפירט ווערן נאָר אַף דייטשע שיפן.

די צוויי אָפּמאַכן, וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן געהיים, האָבן אָבער אָנגעהויבן „אויסרינען" באַלד נאָך סאָקאָלאָווס דער־עפענונג־רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך געהיט אָנצורירן דעם היטלעריזם. קעגנער פון דער אַדמיניסטראַציע האָבן אריינגעטראָגן אָנפראַגן. דער פּרעזידיום האָט געקעמפט מיט אַלע כחות ניט צו דערלאָזן, אַז דער ענין זאָל עפנטלעך דעבאַטירט ווערן. בערל לאָקער האָט אַף דער זיצונג פון 29טן אויגוסט אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע אָפּגעגעבן דעם פאָלגנדיקן ענטפער:

„די עקזעקוטיווע האָט זיך מיט דער פראַגע באַשעפטיקט און שטעלט פעסט, אַז די אונטערהאַנדלונגען וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך אין דער אָנפראַגע, זיינען ניט געפירט געוואָרן לויטן אויפטראַג פון דער עקזעקוטיווע. ווייטערע איינצלהייטן זיינען מיר גרייט אָפּצוגעבן דער פּאָליטישער קאָמיסיע".

דער דעלעגאַט גראָסמאַן, פון די „דעמאָקראַטישע" רעוויזיאָ־ניסטן, וועלכער האָט געהאַט געשטעלט די אָנפראַגן וועגן אָפּמאַך, האָט באַלד געפרעגט: „איך וויל וויסן צי די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק געפינט זיך אונטער דער קאָנטראָל פון דער עקזעקוטיווע אָדער ניט?" דאָ איז אויפגעשטאַנען מערעמינסקי און האָט, ווידער אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע, ניט געגעבן קיין ענטפער אַף דער פראַגע, נאָר האָט דערקלערט סטאַם אין דער וועלט אַריין, אַז די עקזעקוטיווע האָט מיטן אָפּמאַך קיין שייכות ניט געהאַט. דאָס פּרעזידיום האָט קיין שום דעבאַטן ניט דערלאָזט.*)

*) „קאָנגרעס־צייטונג", נומער 8, ז. 6.

דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם ערשטן אָפּמאַך. וועגן אַנדערן אָפּמאַך האָט מען זיך דערוואוסט ערשט צום סוף פון קאָנגרעס. סיי־ווי אָבער איז די מערהייט געווען אַנטשלאָסן צו דערשטיקן דעם ענין היטלער־אָפּמאַכן ווי ווייט מעגלעך.

וואָס איז דער אמת וועגן די אָפּמאַכן?

דער וואַרשעווער „היינט" האָט דעם 23טן אויגוסט אויסגעזאָגט:

„עס זיינען פאָרגעקומען לאַנגע און ערנסטע באַראַטונגען אין דער אידישער אַגענץ אין ירושלים און לאָנדאָן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז אונטערהאַנדלונגען מיט דער דייטשער מאַכט דאַרף ווייטער געפירט ווערן. דער באַזוך פון דאָקטאָר אַרלאָזאָראָוו ז"ל אין בערלין האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט אָט־דעם ענין".

אַזוי האָט דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג אין פּאַלעסטינע, י. טריוואַקס. דער דערפינדער פון דעם אָפּמאַך, לויט דעם קאָרעספּאָנדענט, איז געווען אַ געוויסער קאַהאַנע, וועלכער האָט אויסגערעכנט אַזוי:

„מיר וועלן באַשטעלן אין דייטשלאַנד סחורות, פאַר די סחורות וועט איינגעצאָלט ווערן פון די געשפּאַרטע קאָנטאָס פון די דייטשע אידישע גבירים, די סחורות וועלן פאַרקויפט ווערן דורך אונז — דורך די ציוניסטן — דאָס געלט וועט מען ניט אָפּגעבן די באַלעבאַטים פון די קאָנטאָס, נאָר מען וועט פאַר זיי קויפן באָדן אין פּאַלעסטינע, פלאַנצן פּרדסים, אָדער אויפבויען אַנדערע אונטערנעמונגען".

די ציוניסטן האָבן זיך געניט אַ ביטל אַף ריזיקע סומען. אויסגעלאָזן האָט זיך עס צו דריי מיליאָן מאַרקס (אַרום זעקס הונדערט טויזנט דאָלאַר).

אָט פאַר דער סומע גיבן די ציוניסטן היטלערן קודם כל אַן אומגעהויערע פינאַנציעלע הילף — ער וועט קאָנען קאָנפיסקירן די צענדליקער מיליאָנען מאַרקן, וואָס ליגן דערווייל „פאַרפרוירן" אין די דייטשע בענק. ווידער — דער אָפּמאַך גיט היטלערן אַ געלעגנהייט צו ברעכן דעם פראָנט פון דעם באָיקאָט אַף דייטשע סחורות, — און מיר זעען טאַקע, ווי נאָך דעם אָפּמאַך האָט באַלד נאָכגעפאָלגט דער אַנדערער, וועגן האַנדל. און ביידע אָפּמאַכן גיבן די נאַציס אַ געלעגנהייט נאָך מער צו פאַרשפּייען די אידישע מאַסן. אָט שליסן די ציוניסטן מיט זיי אָפּמאַכן, הגם די אידן אין דייטשלאַנד ווערן אַזוי שרעקלעך פאַרפאָלגט, און אידן בכלל ווערן אַזוי געמיין באַליידיקט.

דער תירוץ פון די ציוניסטן, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן ראַטעווען נפשות, קאָן מען זיך ניט העלפן, קאָן דאָ קוים גילטן. אין בעסטן פאַל האַנדלט זיך דאָ וועגן 650 רייכע אידן, „טויזנט פונטיקע" און העבער, בעת די ברייטע אידישע מאַסן מיזן בלייבן אין דייטשלאַנד און וועלן ערשט קאָנען פאַרפאָלגט ווערן מיט אַ ציוניסטישן הכשר...

דער גאַנצער אָפּמאַך איז צו קליין און ווערטלאָז אין פּרט פון

ראטעוועז אימעצן. פונקט אזוי נישטיק איז דער צווייטער אפמאך, וועלכער בינדט אגב היטלערן מיט קיין שום זאך ניט. עטלעכע מיליאן מארק שפילן א קנאפע ראלע אין דעם דייטשן עקספארט. ביידע אפמאכן שפילן נאר אריין היטלערן אין די הענט אריין, ווי א מיטל צו בארייכערן זיין פוסטע קאסע פון די „פארפרוירענע" געלטער פון די רייכע אידן, ווי א קארט קעגן באיקאט, און ווי נאך א מיטל אין קאמף קעגן די אידישע מאסן און זיי צו באליידיקן.

די שענדלעכע געשיכטע וועגן די ציוניסטישע אפמאכן מיטן היטלעריזם האבן ארויסגערופן א געוואלדיקן צארן צווישן די פאר־שיידנסטע אידישע שיכטן, איינגעשלאסן אזעלכע וואס האבן סימ־פאטיזירט מיטן ציוניזם. עס ווערן געמאכט פארזוכן פון די דאזיקע עלעמענטן צו ראטעווען דעם פנים פון ציוניזם דורך דעם, וואס די אפמאכן זאלן אפגעבראכן ווערן. אפגערעדט דערפון, אז דאס וועט ניט אפווישן דעם פאקט, אז אזעלכע אפמאכן זיינען געשלאסן גע־ווארן. דאס וויכטיקסטע אבער איז, וואס די אפמאכן דרינגען ארויס פון דעם גאנצן כאראקטער פון דער ציוניסטישער באוועגונג. דער „ישוב" יאגט זיך כסדר נאך די „טויזנט־פונטיקע" און האט ווייניק וואס אין זינען די אידישע מאסן. און די גאנצע ציוניסטישע בא־וועגונג איז ווענטלעך צו נאענט פארוואנדט און דורכגעוועבט מיטן פאשיזם זי זאל זיך אפשרעקן פאר אפמאכן מיטן היטלעריזם.

דער ציוניזם, וועלכער האט אלעמאל געמאכט א לעבן פון פאגראמען, האט איצט צו פארדאנקען היטלערן פאר א נייע כוואליע „פראספעריטי". אין דייטשלאנד האט דער ציוניזם אויפגעלעבט. און בעת קיין שום באוועגונג, חוץ די נאצישע, טאר ניט עקזיסטירן לעגאל, וויקלט זיך אלץ ברייטער פאנאנדער אין דייטשלאנד די ציוניסטישע באוועגונג, גייט ארום די ציוניסטישע „אידישע רונד־שאו" *).

דער ציוניזם, אלס נאציאנאל־שאוויניסטישע, אדער נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג, האט געפרידיקט קלאסן־שלום, האט געזונגען וועגן „איינהייטלעכע אינטערעסן פונם גאנצן פאלק", נאך

---

*) די „אידישע רונדשאו" האט אויסגעדריקט לאיאליטעט דעם היט־לעריזם מיט די ווערטער: „דער רעספעקט וואס מיר זיינען שולדיק א פירער פון דעם נ י י ע ם ד י י ט ש ל א נ ד, לאזט אונז האפן, אז מיר וועלן געפינען פארשטענדעניש"... „ס'איז ניט ריכטיק, אז פון דער ציוניסטישער זייט ווערן געווארפן פראקלאמאציעס קעגן דאס ע ר ו ו א ב ט ע ד י י ט ש־ ל א נ ד... דער ציוניסטישער קאנגרעס אלס אזעלכער האט ניט קיין שום שייכות מיט דער איצטיקער לאגע אין דייטשלאנד".. (ציטירט פון ווארשע־ווער „א בעובוי", אויגוסט נומער, אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פ. נ.)

די העברעאישע פרעסע אין פאלעסטינע האט נאך פארן אנקומען פון היטלערן צו דער מאכט געשריבן, אז אידישע עלעמענטן אין דייטשלאנד זיינען מיט אים. זיי האבן עס ווידערהאלט ווען די היטלער־פאגראמען האבן שוין געטובעוועט. דעם 8טן מערץ. („הארץ" אין תל אביב און „דואר היום" אין ירושלים). און דער „הארץ" האט דעם זעלביקן טאג באדויערט, וואס אין רוסלאנד זיינען די ציוניסטן, אין 1917, געווען פאר קערענסקין און קעגן קארנילאוון, בעת שטיצן האט מען באדארפט דעם לעצטן. אז קארנילאווס א זיג וואלט געבראכט פאגראמען אף אידן, איז דאך קלאר.

איידער דער היטלעריזם איז געקומען. ציוניסטן לויבן אָפן דעם פאַשיזם, און אויב זיי קלאָגן, קלאָגן זיי נאָר אויף די „טעותן", וואָס היטלער מאַכט בנוגע דער אידישער פראַגע, און אויך דאָ מיט פאַלשקייט אין האַרצן. סיי־ווי, וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן דען אידן אין די „גאָלעס"-לענדער?

אָט־ווי אָפנהאַרציק עס האָט גערעדט דער „הארץ" פון תל־אָביב פון 9טן אויגוסט:

„נאָך דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָט זיך אויך אין פאַלעסטינע אָנגעהויבן די באָיקאָט־אַגיטאַציע קעגן דייטשלאַנד. אָבער גראָד דאָ אין לאַנד איז דער באָיקאָט זייער שוואַך. צוויי סיבות זיינען פאַראַן: אַ פּאָליטישע און אַן עקאָנאָמישע. צוערשט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס אויב זי קעמפט קעגן דער אַנטיסעמיטישער איינשטעלונג פון דייטשלאַנד, איז זי אָבער אין האַרצן צופרידן פון דעם, וואָס אָט־דער אַנטיסעמיטיזם האָט איר אַריינגעבראַכט אַ הויך־קוואַליפיצירטן מענטשן־מאַטעריאַל. די צווייטע סיבה איז, וואָס די פּלאַנטאַטאָרס, אַלס די הויפּט-קויפער פון דייטשע סחורות, האָבן מורא צושטיין צום באָיקאָט. טאָמער וועט עס שאָדן זייער אָפּזאַץ אין דייטשלאַנד" (אומעטום אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.)

צוגעבן צו אַזעלכע אָפנהאַרציקע רייד איז לחלוטין ניטאָ וואָס.

4. די אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן

אין די אָפּמאַכן מיטן היטלעריזם זעט זיך שטרף די ראָל פון די אידישע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן — די פירער פון דער „היסטאַדרעס" אין פּאַלעסטינע און די פּועלי־ציון.

דער ציוניסטישער „היינט", ווי מיר האָבן געזען, האָט באַשטעטיקט, אַז דעם ערשטן אָפּמאַך, וועגן אַרויספירן פאַר דריי מיליאָן מאַרק סחורה פאַר די געלטער פון די רייכע דייטשע אידן, האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען אין בערלין דער דר. אַרלאָזאָראָוו (פאַרענדיקט דעם אָפּמאַך האָט דער ציוניסט האָפּיען פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטאַין באַנק). אויך באַ דעם צווייטן אָפּמאַך, וועגן אויסטויש פון פּאַלעסטינער אַפּעלסינען אַף דייטשע סחורות, האָבן די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל. באַ די אונטערהאַנדלונגען אין בערלין איז דער פּועלי־ציוניסטישער פירער בן צבי אָנוועזנד געווען אַלס פאָרשטייער פון די פּאַלעסטינער קאָאָפּעראַציוון. און די ראָל פון די באַשיצער פון די אָפּמאַכן, אַפן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָבן, ווי מיר האָבן געזען, אויסגעפירט צוויי אַנדערע פאָרשטייער פון „סאָציאַליסטישן" ציוניזם, לאָקער און מערעמינסקי.*)

---

*) אין „היינט" פון 29טן סעפּטעמבער ווערט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט, אַז אַרלאָזאָראָוו האָט געפירט די אונטערהאַנדלונגען, און עס ווערט אויסגעזאָגט, אַז דער עקזעקוטיוו־מיטגליד לאָקער, וועלכער האָט אַפן קאָנגרעס

ווי די דייטשע בורזשואזיע ניט לאַנג צוריק, אַזוי האָט די אי־דישע בורזשואַזיע באַוועגונג, דער ציוניזם, אַרויסגערוקט די סאָציאַל־פאַשיסטן אין פאָדערגרונט. די „לינקע" זיינען איצט די הערשער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי האָבן אַפן קאָנגרעס אין פּראַג געהאַט 132 דעלעגאַטן (פון 316) און האָבן דעם קאָנגרעס פולשטענדיק קאָנטראָלירט. זיי האָבן עס אפּלאָדירט סאָקאָלאָווס רעדע, אין וועלכער ער האָט געזונגען אַ לויב מוסאָלינין און פּיל־סודסקין. זיי האָבן אפּלאָדירט סאָקאָלאָוון, ווען ער איז אָנגעפאַלן אַפן סאָוועטן־פאַרבאַנד צוליב די „פאַרפאָלגונגען אַף דער אידישער רעליגיע" — „וועלכע איז דאָס העכסטע בא אידן". און זיי האָבן סאָקאָלאָוון אויסגעקליבן ווידעראַמאָל אַלס פּרעזידענט.

איינער פון די פיינלעכסטע מאָמענטן פון די „לינקע" אַפן ציוניסטישן קאָנגרעס איז געווען דער מאָמענט, ווען דער זשאַבאָ־טינסקי־רעוויזיאָניסט, דר. האָפמאַן, האָט זיך געווענדעט צו זיי מיט די ווערטער:

„וואָס באַדייט דער אויסדרוק נאַציאָנאַל און סאָציאַל? ווי פאַראייניקט מען די ביידע באַגריפן? פאַראייניקט האָט מען זיי אין יענעם לאַנד, וואו אַלפרעד ראָזנבערג האָט פאַר־לאַנגט מען זאָל אונז אויסשליסן פון קאָנגרעס. נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז ניט קיין נייע זאַך, אָבער אידישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם — דאָס איז ניי. (אומרואיק לינקס). און היט־לערישע געדאַנקען (ווייזט אָן מיטן פינגער אַף לינקס) דאַרף מען זוכן דאָ (שטאַרק אומרואיק אַף לינקס. צווישן־רוף פון דעם דעלעגאַט טאָבענקין: דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם קאָן דאָ קיין דעה ניט זאָגן. רעספּעקט פאַרן ציוניזם. רעספּעקט פאַרן סאָציאַליזם, רעספּעקט פאַרן אידישן אַרבעטער! דער רעד־נער, דר. האָפמאַן, זעצט פאָר:) ווי אַזוי אייער באַציאונג צו היטלערן איז, און ווי אַזוי אייערע מעשים זיינען, האָט מען טאַקע דאָ געזען (שטאַרקער בייפאַל בא די רעוויזיאָניסטן, אומרואיק לינקס)" *)

מיר וועלן שפּעטער, ריידנדיק וועגן אַרלאָזאָראָוו־מאָרד, זיך אומקערן צום רעוויזיאָניזם, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך דעם אָפענעם פאַשיזם אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס די „לינקע" האָבן זיך געפילט אַזוי געטראָפן פון דר. האָפמאַנס ווערטער. דאָ, ווי בשעת ער האָט גערעדט וועגן דעם קאָנגרעס „וועלכער געפינט זיך נאָך צען טעג אין

דערקלערט, אַז די עקזעקוטיווע האָט גאָרניט צו טאָן מיטן אָפמאַך, האָט אַליין געשיקט אַ באַגריסונג־בריוו צום הער האָפיען פאַר שליסן דעם אָפמאַך צו טראַנספערירן אַ טייל פון די פאַרמעגנס פון די רייכע דייטשע אידן קיין פּאַלעסטינע אין דער פאָרם פון דייטשע סחורות. האָפיען, זאָגט דער „היינט", „האָט באמת געהאַנדלט אַלס פאַרטרויענסמאַן פון יענע טיילן פון ישוב, וועלכע האָבן דוקא געוואָלט צולייגן אַ נאַציאָנאַלן שטעמפּל צו דעם נאָבעלן עסק".

*) „קאָנגרעס־צייטונג", נומ. 8, ז. 9.

א צושטאַנד פון פאַרניכטנדיקן פּעסימיזם", האָט דער רעוויזיאָניס־טישער רעדנער אָנגעשלאָגן אַן עכטן טאָן. די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן זיינען נאַציאָנאַל סאָציאַליסטן. עס איז אָבער ניט ריכטיק אַז דער דאָזיקער נאַציאָנאַל סאָציאַליזם איז ניי. פאַרקערט, סיי אין זיין טערמינאָלאָגיע, און סיי אין זיין זאַאָלאָגישן עצם — ווי אויס־געדריקט אין דעם בלוטיק־שאָוויניסטישן קאַמף קעגן אַראַבישער אַרבעט אין פּאַלעסטינע — האָט דער דאָזיקער אידישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם שוין עקזיסטירט לאַנג איידער די וועלט האָט פון היטלערן געהערט.

אַף דער זעלביקער זיצונג, ווען דער רעוויזיאָניסט האָפמאַן האָט געהאַלטן זיין רעדע (29טן אויגוסט), האָט דער פירער פון די "לינ־קע", רעמעז (ריידנדיק דאָס מאָל אַף אידיש כדי אַלע זאָלן אים פאַר־שטיין) אונטערן בייפאַל פון זיין פראַקציע, אויסגערופן:

„ווער האַלט אויף אין ארץ ישראל די נאַציאָנאַלע אידע־אַלן, די לינקע אָדער די רעכטע? ארץ ישראל ווערט דורך די לינקע געבויט און ניט דורך די רעכטע! אין ארץ ישראל עקזיסטירט א פאַראייניקונג פון דער גאַנצער אידישער באַ־פעלקערונג, די כנסת ישראל. אוסישקין האָט געלייגט דעם פונדאַמענט און יאָרן לאַנג האָט ער געקעמפט פאַר איר אָנער־קענונג. ענדלעך איז זי אָנערקענט געוואָרן, ווען עס איז גע־שאַפן געוואָרן א מעגלעכקייט זי אויסצונוצן. מיר האָבן געקעמפט פאַר דער מאַכט, ווערדע און ערע פון דער כנסת ישראל, און די אַרבעטערשאַפט, די סאָציאַליסטישע רעוואָלו־ציאָנערע היסטאַדרעס, טראָגט אַף אירע אַקסלען דאָס קליין שטיקעלע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע וואָס מיר פאַרמאָגן אין ארץ ישראל. און איצט ווילן די אַלגעמיינע ציוניסטן, מיזראַ־כיסטן און רעוויזיאָניסטן אונטערגראָבן דעם פּרעסטיזש און די אויטאָריטעט פון דער כנסת".*)

אזוי ריידן וועגן נאַציאָנאַל סאָציאַליזם און זיין „פאָלקס־מיסיע", וועגן זיין פאַרקערפּערן אין זיך דעם פאָלקס־וועזן — די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטן, היטלער, געבלס און אַלע נאַצים. ניט נאָר קעמפן די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן פאַר די „נאַציאָנאַלע אידעאַלן" פון דער „כנסת ישראל" וואָס אוסישקין „אַליין" האָט געלייגט דעם פונדאַ־מענט פאַר איר, נאָר זיי שטעלן פאָר מיט זיך די פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער כנסת!

אזוי האָט אויך דער הויפּט־פירער פון די היסטאַדרוסניקעס, בן גריון, דערקלערט אַף א קאָנפערענץ מיט פּרעסע־פאַרשטייער אין פּראַג. ער האָט געלאַכט פון די, וואָס האָבן נאָך אַלץ מורא פאַרן באַגריף „כלל ישראל" און האָט אויסגערופן: „מיר זיינען די פּאַרטיי פון כל ישראל" **)

די מיזראַכיסטן זיינען אודאי ניט גערעכט מיט זייערע אָנפאַלן

*) „קאָנגרעס־ציייטונג", נומ. 8, ז. 6.

**) ש. ראָזענפעלד, „טאָג", 1טן סעפּטעמבער.

אױף די „לינקע“. איז װאָס, אױב זײ קאָנען ניט אינגאַנצן קאָנטראָ־לירן די יוגנט, װעלכע װיל פּאַרט ניט גײן דאַװנען? האָט דען די היסטאַדרעס, װעלכע איז די הערשנדיקע פראַקציע פון ציוניזם אין פּאַלעסטינע, ניט געטאָן אַלץ צו העלפן פאַרמירן דעם ישוב אַזױ, אַז ער שטעלט פּאַר מיט זיך אײנעם פון די רעאַקציאָנערסטע און קלעריקאַלסטע ישובים אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? װאו נאָך האָט די יאַרמולקע אַזאַ מאַכט? און אױפן ציוניסטישן קאָנגרעס גופא — האָבן דען די לינקע ניט אַפּלאָדירט סאָקאָלאָװן, האָבן זײ אים דען ניט נאָכאַמאָל אױסגעקליבן פאַר פּרעזידענט?

געװיס, די היסטאַדרוסניקעס געפינען זיך ניט אין זײער אַ לײכ־טער לאַגע, װי אַלע סאָציאַל־פאַשיסטן, אומעטום. צװישן די אַרבעטער מוזן זײ באַנוצן סאָציאַליסטישע פראַזן און קאָנען ניט גײן אַזױ װײט, װי די אַלגעמײנע ציוניסטן און מיזראָכיסטן װאָלטן עס גע־װאָלט. אָט דאָס איז באַם קאָנגרעס, אין דעם ביטערן און פאַר־ניכטנדיקן פּראַקציע־קאַמף, קעגן זײ אױסגענוצט געװאָרן.

דאָס איז ניט געװען די אײנציקע דעליקאַטע סיטואַציע, אין װעלכער דער ציוניסטישער סאָציאַל־פאַשיזם האָט זיך, צוליב די װידערשפּרוכן צװישן זײנע פראַזן און מעשים, געפונען. בשעת דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען, איז אױך פאָרגעקומען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין פּאַריז. די היס־טאַדרוסניקעס, װעלכע האָבן אין פּראַג, דורך זײער פּרעזידענט סאָקאָלאָװ, געלױבט מוסאָלינין און „דאָס ריטערליכע פּױלן“, האָבן אױך געהאַט זײער פאַרשטײער אין פּאַריז, יאַרבלום, װעלכער האָט געפּאַטשט בראַװאָ אױף די רײד קעגן מוסאָלינין און פּילסודסקין. יאַרבלום האָט אױך געשטימט פאַר באָיקאָט קעגן דײטשלאַנד. װען מען האָט אים, טאַקע אױף דער קאָנפערענץ, געפרעגט, װי אַזױ עס פּאַרט זיך זײן האַנדלונג מיט דער האַנדלונג פון זײן פּאַרטײ אױפן ציוניסטישן קאָנגרעס, װעלכע האָט אונטערדריקט די רעװיזיאָניס־טישע רעזאָלוציע פאַר באָיקאָט, איז... טאַקע יאַרבלומס לאַגע געװען אַ דעליקאַטע.*)

אָבער אַזױ איז שױן אַלעמאָל װײט דער מהלך צװישן פראַזן און מעשים בײַ די סאָציאַל־פאַשיסטן. לױט זײערע מעשים — און אַזױ דאַרף מען זײ אורטײלן — זײנען זײ לײבלעכע ברידער פון דעם היטלעריזם, פונם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, און זײ האָבן עס װידער־אַמאָל קלאָר באַװיזן — דורך אַרלאָזאָראָװס און בן צבים אונטער־האַנדלונגען אין בערלין פאַרן קאָנגרעס, דורך די אַרױסטרעטונגען פון לאָקער, מערעמינסקי, בען גוריען, רעמעז און אַנדערע, אױפן קאָנגרעס גופא, און דורך די האַנדלונגען פון זײער גאַנצער פּראַקציע װעלכע איז געװען די פּירערין פון קאָנגרעס און װעלכע שטײט איצט אין דער פּירערשאַפט פון דער ציוניסטישער באַװעגונג — אַ באַװע־גונג אַ רעאַקציאָנערע, אַ קאָנטער־רעװאָלוציאָנערע, אַן אַנטי־סאָװעטי־שע און אַ הױך־שאָװיניסטישע.

---

*) „מאָרגן זשורנאַל“, סעפּטעמבער 17.

5. פּאַלעסטינע פאַר אַ נייעם קראַך

דער „פאַרניכטנדיקער פּעסימיזם״ אפן ציוניסטישן קאָנגרעס און דער גאַנצער ספּעקטאַקל פון כאַאָס און פאַנאַנדערפאַלונג, וואָס דער קאָנגרעס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, האָבן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס זייערע וואָרצלען אין דער לאַגע פון דעם ישוב גופא.

אוסישקין, דער הויפּט פון דעם קרן קימת, וואָס דאַרף „אויסלייזן״ דעם באָדן אין פּאַלעסטינע פון „פרעמדע״ הענט, האָט אין זיין רעדע אפן קאָנגרעס (וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן פאַר פּוסטע בענקלעך) דערציילט זייער ניט קיין פריילעכע זאַכן. אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

„נעכטן אָוונט האָט מיך אימיצער אין זיינער אַ באַגריסונג אויפגעפאָדערט איך זאָל זינגען דאָס ליד פונם באָדן. איך בין גרייט ווידעראַמאָל דאָס צו טאָן. דאָס איז אַ טרויעריק און שרעקלעך ליד, וואָס מוז זיך סוף כל סוף פאַרוואַנדלען אין דעם ליד פון האָפנונג. און אויב ביז איצט איז אַף דעם געביט געווען טרויעריק און שרעקלעך איז דאָס נאָך מער אַזוי די לעצטע צייט אין ארץ ישראל״.

אוסישקין האָט דערמאָנט דעם פרענטש באַריכט, וועלכער שטרייכט אונטער די נויטווענדיקייט פון באַגרעניצן דאָס רעכט פון באָדן־פאַרקויף אין פּאַלעסטינע, און ער זעצט פאָר:

„אין משך פון די לעצטע צוואַנציק חדשים, בעת אין אונזער לאַנד איז געטאָן געוואָרן אַזאַ גרויסע אַרבעט, און בעת אַף ארץ ישראל ווערט געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען, בעת די האָפענונגען צו אויסלייזן דאָס אידישע פאָלק און קאָנצענטרירן עם אין ארץ ישראל האָבן זיך פאַרשטאַרקט, זיינען אין משך פון די צוואַנציק חדשים דורכן גאַנצן יודנטום, דורך אונזערע באָדן־פאָנדן, דורכן קרן קימת, דורך די פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און פאַרבאַנדן און דורך יחידים, דורך פּריוואַט־איניציאַטיווע, אויסגעלייזט געוואָרן פון ניט־אידישע הענט ניט מער ווי אַרום און אַרום, געלייענט און געשריבן, 44,000 דונאַם לאַנד.

„עס איז ניט קיין איבערטרייבונג ווען איך וועל דערקלערן, אַז אויב מיר וועלן ווייטער מיט אַזאַ טעמפּ אויסלייזן דעם באָדן, און ווען די רעגירונג, פון דער אַנדערער זייט, וועט זיך האַלטן אָן דער ליניע פון דעם פרענטש באַריכט, וועלן אונז ניט קיין קאָנגרעסן און אויך ניט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס גאָרניט נוצן. אַף דורות וועט אונזער פאָלק קיין האָפענונג און אויסלייזונג ניט האָבן, אויב עס וועט ניט געשען קיין נס (בייפאַל). קלאַפּט ניט מיט די הענט! די זאַך איז צו שרעקלעך און מוראדיק! דעריבער מאַכט מיר ניט אויס וואָס אַ טייל פונם עולם איז ניטאָ אין זאַל״.*)

---

*) „קאָנגרעס־צייטונג״, נומ. 5, ז. 9.

אוסישקין האָט זיך געקלאָגט, אַז אין משך פון די פופצן יאָר נאָך דער מלחמה האָבן די ציוניסטן ניט געקראָגן פון דער רעגירונג קיין איין דונאַם לאַנד *), און אַז מיט יעדן יאָר ווערט דער איינקויף פון באָדן אַלץ שווערער, פון פיל שטאַנדפונקטן. וואָס שייך דעם פרייז, איז דער באָדן היינט צוויי מאָל אַזוי טייער ווי פאַראַיאָרן. און דאָ האָט אוסישקין אָנגערירט אַזוינס, וואָס ווייזט פאָראויס דעם אָנקומענדיקן נייעם קראַך פון ישוב — די „שרעקלעכע ספעקולאַציע און פרייז־אויפהויבונג", וואָס איז געקומען מיטן „בום" פון דער נייער „עליה", אַזוי, אַז „עס איז איצט כמעט אוממעגלעך צו קויפן באָדן".

אָבער דאָ ווילן מיר לאָזן ריידן דעם אָפיציעלן באַריכט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וועלכער וועט אונז געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם ספעקולאַטין, מנחם מענדעלשן, כאַראַקטער פון דער „עקאָנאָמיק" פון דעם „ישוב". דער באַריכט ווייזט אָן, אַז בעת אין פאַלעסטינע איז די לעצטע צייט אַריינגעקומען אַ היפשער קאַפיטאַל, זיינען אָבער אין משך פון דעם יאָר „אויסגעלייזט" געוואָרן אינגאַנצן צווישן 18,000 און 19,000 דונאַם לאַנד. דער באַריכט זאָגט (זייט 112, דייטשע אויסגאַבע):

„אין משך פון דער צייט האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ באָדן־ספעקולאַציע וואָס איר גלייכן איז ניט געזען געוואָרן אין פאַלעסטינע און וואָס אין פאַרגלייך מיט איר קאָן יענע (ספעקולאַציע) פון 1926 באַצייכנט ווערן ווי אַ קינדער־שפיל. א גרויסער טייל פון די געלטער איז אָן צווייפל אַריינגעלייגט געוואָרן אין באָדן־איינקויף אַפן לאַנד און אין שטאָט. עס האַנדלט זיך אָבער צום מיינסטן וועגן קניות, וואָס אידן האָבן געמאַכט ניט פון אַראַבישע נאָר פון אידישע הענט. דאָס איז צו זען פונם פאַקט, וואָס אין 1932 זיינען פאָרגעקומען 18,293 באָדן־טראַנסאַקציעס, אין פאַרגלייך מיט די 11,821 טראַנסאַקציעס פון יאָר 1926, אין דער צייט פון דער פערטער עליה, ווען עס איז אויך געווען אַ שטאַרקע ספעקולאַציע. פון דעם מוז מען ציען דעם שלוס אַז די גרויסע קאַפיטאַלן, וואָס אידן האָבן די לעצטע דריי יאָר אַריינגעלייגט אין פאַלעסטינע און וואָס באַטרעפן אין די פיל הונדערטער טויזנטער פונט, האָבן דער זאַך פון „גאולת הארץ" (אויסלייזן דאָס לאַנד) נאָר אין אַ זייער קליינער מאָס א רוק געטאָן פאָראויס".

דער באַריכט רעדט ווייטער (זייט 113) וועגן דעם, אַז די מיליאָנען אינוועסטירטע קאַפיטאַלן אין פאַלעסטינע האָבן גאָרניט אויפגעטאָן אַפן געביט פון „גאולת הארץ", אַז דער פאַקטישער אידישער באָדן־איינקויף האָט זיך אָפגעשטעלט, אַז דורך דער באָדן־ספעקולאַציע אין שטאָט האָט זיך געהויבן דאָס דירה־געלט, און די וואוינונג פראַגע איז געוואָרן אַ שווערע, פונקט ווי ס'איז געוואָרן

*) אַ דונאַם איז אַרום אַ צענטל פון אַ העקטאַר.

שווער די פראַגע פון קריגן אַ שטיקל ערד פאַר אויפשטעלן א אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונג. *)

פאַרן קאָנגרעס האָט מען עס געהערט, נאָך אין אַ שאַרפערער פאָרם, פון סמיליאַנסקין און אַנדערע, אין פאַלעסטינע. איצט האָט מען דאָס אַריינגעשריבן אין אָפיציעלן באַריכט און פראָטאָקאָלירט אין די סטענאָגראַמען פון אַכצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אוסישקין דערקלערט, אַז זיין ליד איז „טרויעריק און שרעקלעך", און פון די פאַרגלייכן פונם באַריכט מיט דער ספעקולאַציע אין 1926, בעט זיך פון זיך אַליין דער אויספיר, אַז דעם „ישוב" דערוואַרט אַ קראַך, וואָס וועט אַריבערשטייגן דעם קראַך פון דער פערטער „עליה" (אַליע, אימיגריר־כוואַליע).

וועגן דער לאַגע באַם „אויסלייזן", האָבן אויך גערעדט אַנדערע אפן קאָנגרעס — דער ציוניסטישער עקספערט רופין, דער מיזראָכי־פירער בערלין, דער רעוויזיאָניסט גראָסמאַן, דער אַלגעמיינער ציוניסט באָגראַטשאָוו. דער לעצטער האָט געשריען, פאַרוואָס מען דערלאָזט אין פאַלעסטינע אַזאַ ספעקולאַציע, אַ שוואַרצע בירזשע, און דער דעלעגאַט שורער האָט אים אַריינגעוואָרפן אַ צווישן־רוף: „דיינע קאָלעגן זיינען די ספעקולאַנטן" (קאָנגרעס־צייטונג", נומ. 5, ז. 5). בערלין האָט געקלאָגט אף דעם, וואָס דער פרעסטיזש פון ציוניזם איז געזונקען אין פאַלעסטינע, און גראָסמאַן האָט געקלאָגט, וואָס דער הויך־קאָמישיאָנער וואוקאָפ האָט זיך „איבערגעאַנדערשט", און אַז „די פאָליטישע לאַגע אין ארץ ישראל איז אַ שלעכטע" („ק. צ.", נומ. 5, ז. 7). און פון אַלע רייד און באַריכטן איז קלאָר געוואָרן, אַז די קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע, וועלכע איז אַלעמאָל ניט געווען אף קיין הויכער מדרגה, איז פאַקטיש אָפגעשטעלט געוואָרן.

אין דעם איצטיקן באַריכט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איז ניטאָ דאָס, וואָס ס'איז געווען אין די פאָריקע באַריכטן — אַ ליסטע פון די קאָלאָניעס און די צאָל פון זייערע איינוואוינער. נייע קאָלאָניעס געפינען זיך נאָך אַלץ אין דער ספערע פון „פלענער". דערפאַר רעדט יע דער באַריכט וועגן דער אַלטער וואונד — וועגן דעם, אַז די קאָלאָניעס אין איימעק (די באַזע פון ציוניסטישער קאָ־

---

*) דער ציוניסטישער „אידישער זשורנאַל" פון טאָראָנטאָ, דערציילט דעם 2טן אָקטאָבער אונטער אַ קעפל: „תל־אָביב — סדום" וועגן אַ געשריי, וואָס דער מעיאָר פון תל־אָביב, דיזענגאָף, האָט אויפגעהויבן וועגן די „מעשי סדום" אין דער שטאָט. מען וואַרפט זיך אַרויף אף דעם געקומענעם, דעם פרעמדן, און „מען זויגט בלוט, שוויס, מאַרך און לעבן". דאָס טוען איינענע, וואָס זיינען געקומען קיין תל־אָביב פריער. 1) מען רעכנט אימי־גראַנטן דריי דאָלאַר אַ נאַכט פאַר שלאָפן. 2) אין די געשעפטן איז דאָ צוויי פרייזן — דער געוויינלעכער פרייז פאַר אָרטיקע און אַ העכערער פרייז פאַר געקומענע. 3) באַם פאַרדינגען אַ דירה, אַ געשעפט, בעט מען באַ געקומענע אַזעלכע הויכע פרייזן, „וואָס וואָלטן אַרויסגערופן אַ שפּוי באַ יעדן, ווען מען פאַרלאַנגט אַזאַ פרייז פאַר אַזאַ סחורה אפילו באַ אונז אין דאָלאַרן־לאַנד". 4) מען דערציילט וועגן „אַ איד אַ באַלעבאָס, וואָס זאָגט זיך אָפ צו באַצאָלן אַן אַרבעטער, ווייל — זאָגסטו אַ וואָרט, וועל איך גאָר מעלדן דער פאָליציי, אַז דו ביסט אַריינגעקומען אומלעגאַל".

לאַניזאַציע) קאָנען נאָך אַלץ ניט עקזיסטירן, און האָבן אַלע געמוזט קריגן שטיצע. און ווידעראַמאָל הערן מיר וועגן טריקעניש אין די קאָלאָניעס — אַן אַלט לידל אין דעם לאַנד וואו וואַסער איז אַ טייערער אַרטיקל.

בלויז די ציוניסטישע פאַקטן וועגן דער קאָלאָניזאַציע אין פּאַ־לעסטינע, וועלכע איז אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל, צעשמעטערן די רייד פון נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און דערקלערט, אַז די ציוניסטן האָבן גאָרנישט קעגן דער קאָלאָניזאַ־ציע אין אוקראַאינע און קרים, באַדויערנדיק דערביי, וואָס אָט־די קאָלאָניזאַציע מוז זיין „טויט און אומפּרוכטבאַר", ווייל אין איר איז ניטאָ קיין „היסטאָרישעם לעבן". זאָלן שוין די ווערטער פון דעם באַריכט (סאָקאָלאָווס באַריכט!) וועגן דער אומגעהערטער ספּעקו־לאַציע, און זאָל אוסישקינס „טרויעריק און שרעקלעך" ליד זיין דער ענטפער אַף סאָקאָלאָווס רעאַקציאָנער־בטלנישע רייד. און נאָך העכער, פאַרשטייט זיך, ווערן די רייד אָפּגעענטפערט דורך דעם פּול־בלוטיקן וואוקס פון די אידישע קאָלאָניעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס איז ניטאָ ניט קיין ספּעקולאַנטן און ניט קיין אימפּעריאַליס־טישע באַיאָנעטן, און וואו די אַרבעט איז אָנגעפילט מיטן אינהאַלט פון סאָציאַליסטישער בויאונג!

פאַרקערט, גאָרניט פריילעך האַלט עס מיטן „היסטאָרישן לעבן", וואָס ווערט געבויט אַף אימפּעריאַליסטישע באַיאָנעטן, אין דעם לאַנד, וואו עס איז פאַראַן ניט קיין פרייער באָדן, נאָר אַראַבישע פּויערים, וואָס זיינען „פריי" פון ערד. די ענגלישע מאַכט, וועלכע זוכט כסדר אָנצוהאַלטן איר גלייכגעוויכט דורך שטיצן היינט דעם ציוניזם און מאָרגן די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, און דורך מאַכן אַן אָנשטעל פון העלפן די לאַנדלאָזע אַראַבישע פעלאַכן, האָט זיך איצט אַ קער געטאָן אַף דער „אַראַבישער" זייט. דער ציוניזם, מיט וועמען די ענגלישע רעגירונג איז אַלעמאָל זיכער, אַז ער וועט איר דינען געטריי, קאָן אין דעם איצטיקן מאָמענט קיין סך ניט געבן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. פון דער אַנדערער זייט איז די לאַגע אַ „דעליקאַטע" אין איראַק, וואו עס אינטריגירט דער פראַנצויזישער אימפּעריאַליזם, דורך אַגענטן פון סיריע, און עס איז ניט איבעריק רואיק אין אַנדערע געביטן פון אַראַביסטאַנישן האַלב־אינזל. אָן שום שאָדן פאַר אירע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע, אַף וועלכע דער ציוניזם וועט איר פאַר־זעצן צו דינען געטריי, ווייל ער האָט קיין שום אַנדער ברירה ניט, האָט די ענגלישע רעגירונג אים אַ קלאַפּ געטאָן דורך פאַרעפנטלעכן דעם פרענטש־באַריכט, וואָס האָט געזאָלט, לויט אַ צוזאָג דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, ניט פאַרעפנטלעכט ווערן. לויט די רעקאָמענ־דאַציעס פון דעם באַריכט ווערט נאָך שווערער צו איינקויפן באָדן אין פּאַלעסטינע: עס ווערן אַרויפגעלייגט שטייערן אַף דער גאַנצער באַפעלקערונג כדי צו פאַרגיטיקן די פעלאַכן, וואָס די ציוניסטן האָבן אַראָפּגעטריבן פון זייער באָדן (פאַקטיש ווערן פון די געלטער גענומען די עפענדים און די אַנדערע אַראַבישע דינער פון ענגלישן אימפּער־

יאַליזם), און עס שטייט פאַר די ציוניסטן ווידעראַמאָל די געפאַר
פון אַ „פאַרלאַמענט” אין פאַלעסטינע.*)

אַן אַנדער געפאַר — אַז דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַל, וואָס
איז קיין פאַלעסטינע געקומען צוליב דעם קריזיס אין אַמעריקע און
צוליב דעם „בום” אַף אָראַנזשן (אַפּעלסינען, פּאָמעראַנצן), זאָל ניט
אַנטלויפן צוריק, ערשטנס — אונטערן איינפלוס פון דער „אויפבלי”-
פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע, און — צווייטנס — צוליב די שלעכטע
אויסזיכטן פון דעם אָראַנזשן־מאַרק. דער דאָזיקער מאַרק ווערט זייער
שאַרף באַדראָט צוליב דער שטייגנדיקער קאָנקורענץ פון עגיפּטן,
שפּאַניע וואו עס זיינען פאַראַן ריזיקע שטחן לאַנד פאַר אָראַנזש־
פּלאַנטאַציעס, און צוליב דער קאָנקורענץ פון דעם אינזל ציפּרוס
(באַהערשט פון ענגלאַנד), וואו עס ווערט געפלאַנצט אַף אַ גרויסן
מאַסשטאַב און וואו דער אָראַנזש איז דער זעלביקער ווי אין פאַ-
לעסטינע. פון דער אַנדערער זייט האָט דער וועלט־מאַרק (וואָס
באַשטייט הויפּטזעכלעך פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, און אַנדערע
„ציוויליזירטע” לענדער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע) זיך
פאַרשמעלערט, צוליב דער אַלץ פאַלנדיקער קויף-קראַפט פון די מאַסן,
באַזונדערס אין דייטשלאַנד. אַלע קאָנצעסיעס, וואָס די ציוניסטן
זיינען גרייט צו געבן היטלערן, וועלן ניט העלפן אַף איינהאַלטן
דייטשלאַנד אַלס קויפער פון דעם „יאַפע אָראַנזש”. אויך צוליב
אַנטיסעמיטישע טעמים מוז אָט־דער מאַרק געשלאָגן ווערן, ניט גע־
קוקט אַף די אָפּמאַכן — וועלכע האָבן פאַר היטלערן הויפּטזאַכלעך
אַ „מאָראַלישן” ווערט.

עקאָנאָמיש שטייט פאַלעסטינע פאַר אַ נייעם קראַך. אין פּוילן
האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן אויסוואַנדערער, וואָס זיינען צוריק־
געקומען פון פאַלעסטינע. וואָס שייך די דייטשע אידן, ווערט שוין
גערעדט אָפן, אַז „מען דאַרף באַצייטנס זיין צוגעגרייט צו דעם גע־
דאַנק, אַז אַ גרויסע צאָל פון זיי וועלן פאַלעסטינע פאַרלאָזן אַנטויש־
טע און אומצופרידענע”**). ווי אַזוי דער קראַך וועט זיך אָפּרופן אַפן
אַרבעטער, איז קלאָר. אפילו אין דער צייט פון „פּראָספּעריטי” איז
דער היסטאַדרוס־אָרגאַן, „דבר”, געווען געצוואונגען צו שרייבן (27טן
סעפּט., 1932) : „דער קאָלאָניסט פון גלול וויים נאָך ניט פון אויפבלי.
דער איינוואַנדערער פּייניקט זיך נאָך אַזוי ווי פריער, זיך און זיין
משפּחה, זוכנדיק אַ שטיקל פּרנסה. און געוויס וועט איר ניט געפי-
נען קיין שפּור פון אויפבלי באַ די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, באַ די
הויז־באַשעפטיקטע, באַם אַרבעטער, באַם טאָג־אַרבעטער”. אַנדערש

*) אין רעוויזיאָניסטישן זשורנאַל „די וועלט”, נומ. 19, שרייבט
דער רעוויזיאָניסט גרינבערג : „איך בין געזעסן אין דער פּאָליטישער
קאָמיסיע און געהערט, וואָס פּראָפ. בראָדעצקי און חבר משה שרתוק זאָגן”...
„וואָס איך „מעג” זאָגן איז : ווייסט, אידן, אַז די ציוניסטישע ליטונג
האָט געבראַכט דעם ציוניזם צום תהום. עס זיינען געווען שעה'ען פון
גרויל צו הערן דעם אמת”.

**) ב. סמאָליאַר אין זיין ראש השנה איבערזיכט פאַר דער „איטא”,
ציטירט פון טאָראָנטער „אידישן זשורנאַל” פון 26טן סעפּטעמבער.

קאָן עס גאָרניט זיין אין אַ אימפּעריאַליסטישער קאָלאָניע, אין אַ ישוב פון ספּעקולאַציע, שוואַרצע בירזשעס און — „מעשי סדום".

פּאָליטיש און עקאָנאָמיש שטייט דער ציוניזם פאַר אַ „נייעם", פאַרשאַרפטן, קריזיס — דער פּערמאַנענטער קריזיס פון אַ משרת פון אימפּעריאַליזם.

6. דאָס ברוינע העמדל

דר. חיים אַרלאָזאָראָוו, מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און פון דער עקזעקוטיווע פון דער „אידישער אַגענטור", אַ פירער פון די „לינקע" און אַ שטייגנדיקע קראַפט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז דערמאָרדעט געוואָרן אין תּל־אָביב דעם 16טן יוני (1933). אונטערן צייכן פון אָט-דעם מאָרד איז פאָרגעקומען דער אַכצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס האָט עס געזאָלט די פראַגע וועגן דעם מאָרד באַהאַנדלען. אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז דער קאָנגרעס האָט פאַרבראַכט „עלף טעג און עלף נעכט" אין קאַמף אַף ניט באַהאַנדלען די פראַגע. און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט: די פראַגע איז פאַרשמירט געוואָרן מיט אַ קאָמיסיע, וואָס וועט דאַרפן ברענגען אַ באַריכט צום קומענדיקן קאָנגרעס, אין צוויי יאָר אַרום...

דאָס איז דער וויכטיקסטער שטריך אין דעם גאַנצן אַרלאָזאָראָוו־ענין: די ציוניסטישע באַוועגונג טוט אַלץ, וואָס זי קאָן צו דערשטיקן אים. בעת עס איז ניטאָ קיין שום צווייפל, אַז די רעוויזיאָניסטן האָבן דעם מאָרד דורכגעפירט, טוט די ציוניסטישע באַוועגונג אַלץ, וואָס זי קאָן ניט צו דערלאָזן, אַז די שולד זאָל פאַלן אַף די רעוויזיאָניסטן (צום אָנהויב האָט מען געזוכט וואַרפן די שולד אַף „קאָמוניסטן").

ניט נאָר דערפאַר, וואָס די רעוויזיאָניסטישע פראַקציע איז אַ טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר דערפאַר ווייל פאַקטיש האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אָנגענומען דעם רעוויזיאָניזם. אין אַלע גרינטלעכע פּאָליטישע פראַגן, אינם אָנגריף אַף די אַראַבער, אין דער מיטאַרבעטערשאַפט מיטן אימפּעריאַליזם, אין העלפן די „נאַציאָנאַלע אינדוסטריע", איז פאַקטיש ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דעם רעוויזיאָניזם און די אַנדערע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער רעוויזיאָניסטישער פאַשיזם איז נאָר די לאָגישע פרוכט פון אַ רעאַקציאָנערער, אולטראַ־שאָוויניסטישער באַוועגונג. דערפאַר עקזיסטירט עס אַזאַ אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן די רעוויזיאָניסטן און מיזראָכי און אַלגעמיינע ציוניסטן — ניט געקוקט אַפן מאָרד. דערפאַר האָט דער פירער פון די היסטאַדרוטניקעס, בן גוריון, געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן באַזייטיקן די רעוויזיאָניסטן פון קאָנגרעס און פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייל — „היינט האָבן מיר די מאַכט און מיר וועלן זיי אויסשליסן, אין צוויי יאָר אַרום וועלן זיי האָבן די מאַכט און זיי וועלן אונז אויסשליסן" *). מען איז

*) ראָזענפעלד אין „טאָג", סעפּט. 6.

גרייט ווייטער צו לעבן צוזאמען — און נישט אָן באַהאַלטענער ליבשאַפט. מען איז גרייט צו לעבן אונטער זשאַבאָטינסקיס הערשאַפט, און מען ריכט זיך אַף אַזאַ מאָמענט.

די זעלביקע „אידישע רונדשאו", וואָס גייט פריי אַרום אין היטלער־בערלין, און וועלכע האָט אויסגעדריקט רעספּעקט דאָס „דערוואַכטע דייטשלאַנד", האָט דעם 25טן אויגוסט געשריבן אין אַ באַריכט פון פּראַג:

„די קעגנער פון פּאַרלאַמענטאַריזם וואָלטן זיך קוים געוואונטשן אַ בעסערע דעמאָנסטראַציע ווי די, וואָס דער ציוניסטישער קאָנגרעס שטעלט צו אין משך פון די לעצטע צען יאָר. אין דער באַוועגונג האָט זיך אַלעמאָל געפילט אַ באַגער פאַר אַ שטאַרקן ווילן פון אויבן אַף אָנפירן מיט איר".

דער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט דעם 21טן אויגוסט. דער שרייבער פון דעם באַריכט האָט שפּעטסטנס געקאָנט שרייבן זיינע ווערטער דעם 23טן, ווייל דעם 24טן האָט זיין בריוו געמוזט זיין אין בערלין, באַם דרוקער אין די הענט. דער ערשטער טאָג פון קאָנגרעס איז פאַרנומען געוואָרן מיט סאָקאָלאָווס דערעפענונג־רעדע און באַגריסונגען. אָבער דער שרייבער האָט אפילו די געשעפט־זיצונגען פון איין טאָג ניט געדאַרפט זען, כדי צו קומען צו זיין אויספיר, ווייל „אַלע מאָל" האָט זיך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געפילט אַ באַגער פאַר אַ „שטאַרקן ווילן", אַ „פירער"...

די דייטשע ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך אַזוי פיין און מיט גרויס דערפאָלג איינגעאָרדנט אונטערן היטלער־רעזשים, זיינען בכלל מער ריידעוודיק און אָפנהאַרציק. אַף אַזוי ווייט, אַז געוויסע שיכטן פון די דייטשע אידן, וועלכע זיינען פריער באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם „פעסטן טאָן" פון די ציוניסטן, האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקציען. „ביסלעכוויז, ביסלעכוויז, האָט אָבער אָנגעהויבן שלאָגן אַ זייער שלעכטער ריח פון דער דאָזיקער פּובליציסטיק", — שרייבט אַ בירגערלעכער קאָרעספּאָנדענט פון בערלין. „די תקיפות זייערע נעמט זיך אַפּנים דערפון, וואָס די דאָזיקע שרייבער קאָנען כלומרשט דערווייזן, אַז זיי, די ציוניסטן אין דייטשלאַנד, זיינען פון תמיד אָן געשטאַנען אַפן „פעלקישן" שטאַנדפּונקט".

די ציוניסטן, די אידישע פּרעדיקער פון „ריינער ראַסע", דערקלערן, לויט דעם זעלביקן קאָרעספּאָנדענט: „מיר זיינען פון אַלעמאָל געשטאַנען אַף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם היינטיקן רעזשים, און געמלעך, אַז אַ פאָלק מיינט ניט קולטור־געמיינשאַפט, נאָר בלוט־געמיינשאַפט" *).

„מיר זיינען אַלעמאָל געשטאַנען אַף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם היינטיקן רעזשים". אָט אַף ווי ווייט די ציוניסטן קאָנען מיט פולן רעכט זאָגן, אַז זיי זיינען געווען היטלעריסטן נאָך איידער מען האָט פון היטלערן געוואוסט! די ברוינע העמדלעך פון זשאַבאָטינסקיס באַנדעס זיינען נאָר אַן אויסדרוק פון דעם קוואַל, וואָס כאַפּט אַרום

*) ד. בערג אין „טאָג", סעפּט. 6.

די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, אין דער ברייט און אין דער טיף! אַזוי אַז דאָס לידל וואָס זשאַבאָטינסקיס „שטורמיסטן" האָבן אין אָנהויב מאַי געזונגען איבער די גאַסן פון תל־אָביב: איטליה למוסאָליני, גרמניה להיטלר, כפר סבא ופתח תקוה לנו" (איטאַליע מוסאָליני, דייטשלאַנד היטלערן, אונז קפאַר סאַבע און פּעסאַך טיקווע), איז אַף אַלע הונדערט פּראָצענט אַן אויסדרוק פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, אויב אַפילו געוויסע טיילן זיינען ניט מסכים מיטן אויספיר: „חי, חי, ז'בוטינסקי" (זאָל לעבן, זאָל לעבן זשאַבאָטינסקי).

אַף וויפיל עס איז ווידעראַמאָל ניטאָ קיין פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן די רעוויזיאָניסטן און היסטאַדרוסניקעס, קאָן מען עס זעען פון דער באַציאונג פון די לעצטע צו דער וויכטיקער רעוויזיאָניסטישער פאָדערונג, מען זאָל זיך דערשלאָגן, אַז קיין פּאַלעסטינע זאָלן אַריבערגעוואָרפן ווערן הונדערט טויזנט מיליטעריש־אָרגאַניזירטע אידישע יונגעלייט.

אין וואַרשעווער „היינט" פון 30טן מאַי האָט בן גוריון געשריבן:

„די גרויסע פראַגע פון ישוב איז די פראַגע פון שוץ, זיכערהייט, פאַרטיידיקונג... די געשעענישן פון 1929 קאָנען זיך איבערחזרן — און אין אַ גרעסערער און שרעקלעכערער מאָס. און די גרויסע אויפגאַבע, וואָס שטייט איצט פאַר אונז, איז צו שאַפן אַזאַ אידישן כח אין לאַנד, וואָס זאָל קאָנען מיט אייגענער קראַפט זיך פאַרטיידיקן. דאָס איז דער נעקסטער עטאַפּ אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. און דערפאַר איז דאָס אַריינברענגען אין לאַנד פון נייע 40—50 טויזנט חלוצים פאַר די (דער) גאָר נאָענטסטע(ר) צייט אַ גרויס(ע) באַדערפעניש, אַן עיקרדיקע זאָרג פון ציוניזם" (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.).

און אַזוי האָט זיך אויך אויסגעדריקט אַרלאָזאָראָוו: מיט נאָך 40—50 טויזנט חלוצים אין פּאַלעסטינע, איז „די זאַך געמאַכט". דאָס איז געווען ניט לאַנג איידער די רעוויזיאָניסטן האָבן זייער זאַך „געמאַכט"... אָבער דאָס ענדערט ניט דאָס פונדאַמענטאַלע. אַלע פּראַקציעס פון ציוניזם דאַרפן דאָס חלוצים־קאַנאָנען־לייש אין קאַמף קעגן דער אַראַבישער מערהייט. אויך דער ענגלישער אימפּעריאַליזם דאַרף דאָס ציוניסטישע קאַנאָנען־פלייש. אין אַ קאַמף קעגן אַן אַראַבישן אויפשטאַנד, אין אַ אימפּעריאַליסטישן אָנגריף־פּלאַן — און אַהער קאָן אויך אַריינגיין אַן אָנגריף אויף די סאָוועטישע נאַפט־געביטן, דורך איראַק און פּערסיע — וועט ענגלאַנד, ווען זי וועט דאַרפן, זיך קאָנען באַנוצן מיט דער אַרמיי.

דער מאָרד אין די רייען פון ציוניזם רירט ניט אָן דעם פונדאַמענט, אַף וועלכן אַלע שטייען — צו שטיצן זיך אַף דעם אימפּעריאַליזם און אים דינען, פּונקט ווי דאָס וואָס קאַטוילישע און נאַציאָנאַליסטן ווערן דערמאָרדעט אין דייטשלאַנד רירט ניט אָן דעם פונדאַמענט, אַף וועלכן די אַלע כחות פון קאַפּיטאַליזם געפינען זיך —

איינהיטן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אונטערדריקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אַפן געביט פון אונטערדריקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין פאַלעסטינע איז געווים נישטאָ קיין ספק צווישן די רעוויזיאָניסטן און היסטאַדרוסניקעס. און אין „גאָלעס" דערפילט דאָס ברוינע העמדל, ווי דער אָפנסטער אויסדרוק פון ציוניזם אין דעם איצטיקן פעריאָד פון היטלעריזם, נאָך שאַרפער די ציוניסטישע ראָל, און פירט נאָך דייטלעכער אויס די אַלטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מיסיע פונם ציוניזם. אין פילסודסקי־פוילן איז דאָס ציוניסטישע ברוינע העמדל ניט סתם אַזוי לעגאַליזירט, נאָר די זשאַבאָטינסקי־באַנדעס קריגן פולשטענדיקע הילף פון דער פילסודסקי־פּאָליציי, פון דער פילסודסקים דעפענסיווע, ווי אַן אינסטרומענט קעגן די רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער. אידישע באַלעבאַטישע זינדלעך ווערן אָרגאַניזירט צו ברעכן סטרייקס, צו אַרונטעררייסן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען.

אין דעם פעריאָד פון היטלעריזם איז דער ציוניזם געקומען אָפענער צום אויסדרוק — דורך זיינע „ראַסן־טעאָריעס", „ריינע בלוט" טעאָריעס, און — דאָס ברוינע העמדל. פאַרן אידישן אַרבעטער ווערט דורכדעם אַלץ קלאָרער וואָס פאַר אַ ביטערער שונא דער ציוניזם איז פאַר אים, — ווי יעדער מין נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם — אידישער, פוילישער, דייטשער, אָדער וועלכער ניט איז אַנדערער. און אַף וויפיל דער פילסודסקי־פאַשיזם און דער היטלער־פאַשיזם קאָנען ניט באַווייזן צו לייזן די פּראָבלעמען אויך פון דעם פוילישן און דייטשן קליינבירגער, ניט געקוקט אַף אַלע צוזאָגן, מוז אויך פאַר דעם אָרימען אידישן קליינבירגער, פאַר דער קליינבירגערלעכער יוגנט, קלאָר ווערן, אַז נאָר דער אַרבעטער־קלאַס, ווען ער וועט קומען צו דער מאַכט, וועט די פּראָבלעמען זייערע קאָנען לייזן.

די „אַנטפּלעקונגען" וועגן ספּעקולאַציע און שוואַרצע בירזשעס אין פאַלעסטינע און „סדום־בעטלעך" אין תל־אָביב, דער „נייער" קראַך פון דער פאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציע, שטרייכן אונטער צום טויזנטסטן מאָל, אַז פאַלעסטינע שטעלט מיט זיך אין קיין שום פאַל ניט פאָר קיין לייזונג פאַר די אידישע מאַסן. דער אַרלאָזאָראָוו־מאָרד און די וואָרנונגען פאַר נייע געשעענישן, און די גאַנצע בלוטיקע שפּיל פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, שטרייכן אונטער צום טויזנטסטן מאָל וואָס פאַר אַ בלוטיקע אַוואַנטיורע דער ציוניזם שטעלט מיט זיך פאָר. און צום טויזנטסטן מאָל שטרייכט עס אַלץ אונטער, אַז נאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אין דעם זיג פונם אַרבעטער־קלאַס ליגט דער אויסוועג פאַר די אידישע מאַסן. און האַנט אין האַנט מיטן קאַמף פאַר אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מיטן קאַמף פאַר אַרבעטער־מאַכט, מיטן קאַמף צו באַשיצן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיטן קאַמף קעגן פאַשיזם, מוז גיין דער קאַמף קעגן שאָוויניסטישן, קלעריקאַלן, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, אַוואַנטוריסטישן, אַנטי־סאָוועטישן און היטלעריזירטן ציוניזם.